# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
**ספר אוצר השבת**
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מצות קידוש

### זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם

**ווען** מען זאגט די ווערטער זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם, דארף מען אריינברענגען אין הארץ א שטארקע לויב אויף דעם וואס השם יתברך האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים, צו זיין הייליגן חלק.

**דער** חינוך זאגט: השם יתברך וויל אז דער מענטש זאל זיין פריי פון דער ארבעט לכבוד דעם גרויסן הייליגן טאג, און דער מענטש זאל זיך צוגעוואוינען צו דער אמונה, אז הקדוש ברוך הוא האט באשאפן די וועלט.

**דער** שבת איז ווי א קייט וואס האלט צונויף די גאנצע יסודי הדת, ווייל ווען מענטשן רוען שבת, פרעגט איינער דעם אנדערן: פארוואס רוען מיר? ענטפערט ער איהם: ווייל אין זעקס טעג האט הקדוש ברוך הוא באשאפן דער וועלט און אין דעם זיבעטן טאג האט ער גערועט. דורך דעם ווערט ביי מענטשן באפעסטיגט די אמת'ע אמונה.

**חוץ** פון דעם וואס דער מענטש ברענגט אין זיך אריין אן אמונה אין חידוש העולם, ברענגט ער אויך אריין אין זיך אן אמונה אין יציאת מצרים - מיר זענען געווען קנעכט אין מצרים און מיר האבן נישט געקענט רוען ווען מיר האבן געוואלט, און הקדוש ברוך הוא האט אונז פון דארט ארויס געצויגן ביד חזקה, און האט אונז געהייסן רוען אום שבת. **חינוך מצוה ל"ב**

**שבת** איז א זכר אויף יציאת מצרים, ווייל אז מיר האבן די מעגליכקייט צו רוען שבת, דערמאנט מען זיך אז מיר זענען אמאל געווען קנעכט אין מצרים, וואו מען האט אונז געצוואונגען צו ארבעטן פאר די מצריים, און אז השם יתברך האט אונז אויסגעלייזט פון דארט און דעריבער קענען מיר רוען אום שבת.

**דאס** זעלבע איז יציאת מצרים א זכר אויף שבת. ווייל אז מען דערמאנט זיך אז מיר זענען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, ווערט מען זאגן אז השם יתברך האט געהאט דעם כח צו מאכן אזויפיל אותות ומפתים אין מצרים, ווייל ער האט באשאפן דער וועלט, דעריבער קען ער טוען מיט זיין וועלט וואס ער וויל. קומט אויס אז פון יציאת מצרים ווייסט מען אז השם יתברך האט באשאפן דער וועלט אין זעקס טאג און אז אין דעם זיבעטן טאג שבת האט ער גערועט. **רמב"ן פ' ואתחנן**

**דער** רמב"ם [הל' חמץ ומצה פ"ז הל"ו] זאגט, אז דער פסוק וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וואס שטייט ביי די מצוה פון שבת, מיינט אז הקדוש ברוך הוא האט אונז באפוילן מיר זאלן געדענקען אז מיר אליין זענען געווען קנעכט אין לאנד מצרים און מיר אליין זענען ארויס פון דארט צו פרייהייט.

**דערפאר,** זאגט דער רמב"ם, דארפן מיר אין יעדן דור זיך פארשטעלן ווי גלייך מיר אליין זענען יעצט ארויסגעגאנגען פון מצרים.

**קען** מען זאגן לויט דעם רמב"ם וואס ברענגט דעם פסוק פון שבת, אז מען דארף זיך דאס פארשטעלן נישט נאר פסח ביינאכט, נאר אויך יעדן שבת וואס איז א זכר אויף יציאת מצרים. **המלקט**

**דער** חיד"א זאגט אז נאר אין דעם זכות וואס אידישע קינדער האבן שוין געהיטן שבת אין מצרים און שפעטער אין מרה, איז באשטעטיגט געווארן דאס ארויסגיין פון מצרים, ווייל ביז דעמאלט האט דער מדת הדין מקטרג געווען אז זיי זאלן צוריק גיין קיין מצרים. דעריבער זאגט מען ביי קידוש 'זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם'.

**נחל קדומים אות י"א**

# מצות קידוש

## כי בנו בחרת

**דער** האריה"ק, ווי אויך אין סידור השל"ה, איז נישט גורס די ווערטער 'כִּי בָנוּ בָחַרְתָּ וְאוֹתָנוּ קִדַּשְׁתָּ מִכָּל הָעַמִּים', ווייל לויט ווי עס ווערט דערמאנט אין זוהר הקדוש [פ' ויקהל] איז דא ביי קידוש פינף און דרייסיג ווערטער ביי וַיְכֻלּוּ, און פינף און דרייסיג ווערטער ביי די ברכה, אן די ווערטער. אבער אין סידור פון בעל התניא ווערן די ווערטער יא דערמאנט.

## וְשַׁבַּת קָדְשְׁךָ בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן הִנְחַלְתָּנוּ

**'באהבה'** מיינט מען די ליבשאפט מיט וואס השם יתברך האט אונז ליב געהאט ווען מיר זענען געווען אין מדבר, ווי עס שטייט [ירמי' ב'] זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ, אַהֲבַת כְּלוּלֹתָיִךְ. 'וברצון' מיינט דאס וואס השם יתברך האט באוויליגט אז די קרבנות שבת זאלן דוחה זיין דעם שבת.

## בָּרוּךְ אַתָּה ה' מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת

**השם** יתברך הייליגט דעם שבת, ווי עס שטייט [בראשית ב'] וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ - און ער האט אים געהייליגט, און נישט די אידן.

**מען** ענדיגט נישט די ברכה מיט די ווערטער 'מְקַדֵּשׁ יִשְׂרָאֵל וְהַשַּׁבָּת' אזוי ווי מען דערמאנט ביים קידוש פון יום טוב, ווייל דער שבת איז פריער ווי די אידן, שוין פון דעם זיבעטן טאג פון בריאת שמים וארץ.

**שטייט** אין ספר ייטב פנים אז די ראשי תיבות פון די ווערטער 'בָּרוּךְ אַתָּה י"י מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת' איז באימה, ווייל שבת איז אן ענין אז מען זאל ממשיך זיין אויף זיך א מורא פון דעם שבת, אז מען זאל מורא האבן פון השם יתברך, ווי עס ווערט דערמאנט אין ירושלמי [דמאי פ"ד ה"א], אז אפילו אן עם הארץ האט מורא פון דעם שבת.

**א** רמז דערויף: דער פסוק זאגט [ויקרא י"ט ל'] אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ - מיינע שבתים זאלט איר אפהיטן, און פון מיין בית המקדש זאלט איר זיך פארכטן. דאס ווארט 'תִּירָאוּ' גייט ארויף אויףביידע, אויף דעם בית המקדש און אויף שבת, א רמז אז פונקט ווי פון בית המקדש גייט ארויס א מורא צו השם יתברך, דאס זעלבע איז ביי דעם שבת. ייטב פנים לר"ה אות ע"ב

## אויב פרויען דארפן דאווענען מעריב פאר קידוש

**עס** איז א מצות עשה מן התורה זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ - דו זאלסט דערמאנען דעם טאג שבת אים צו הייליגן מיט א הייליגקייט און מיט א גרויסקייט, סיי ביים אריינקומען און אויך ביים ארויסגיין, מיט ווערטער, צו מאכן א זכר צו די גרויסקייט פון דעם טאג מער ווי די טעג פון פאר שבת און נאך שבת.

**מן** התורה איז מען יוצא די מצוה אויב מען דערמאנט די ווערטער ביי די תפלת שמונה עשרה פון מעריב. אבער די גמרא [פסחים ק"ו.] זאגט אז די חכמים האבן ג'דרש'נט פון דעם פסוק זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ אז מען דארף געדענקען צו הייליגן דעם שבת דורך מאכן קידוש אויף וויין.

**דער** מנהג פון אלע אידן איז, אז די מענער זענען מוציא מיט קידוש די פרויען און די קינדער וועלכע האבן נאכנישט געדאווענט תפלת ערבית. אבער דער וואס מאכט קידוש האט שוין יוצא געווען די מצוה מן התורה ווען ער האט געדאווענט מעריב, איז ער דאך נאר מחויב מדרבנן צו מאכן קידוש, אויב אזוי־וויאזוי קען ער מוציא זיין די פרויען און קינדער וועלכע האבן נאכנישט געדאווענט מעריב, און האבן נאכנישט יוצא געווען די קידוש מן התורה?

**מוזן** מיר זאגן אז די תורה האט געגעבן רשות פאר די חכמים אז זיי זאלן קענען גוזר זיין אויף וועלכע אופן מען זאל מקיים זיין א מצוה, און דער וואס וועט טוען די מצוה אויף אן אנדערן אופן, איז בכלל נישט יוצא די מצוה מן התורה. איז וויבאלד די חכמים האבן מתקן געווען די חומרא אז מען מוז מאכן קידוש אויף וויין, קומט אויס אז ביז ווילאנג מען האט נישט מקיים געווען די תקנת חכמים, האט מען נישט יוצא געווען דעם חיוב מן התורה. קומט אויס אז כאטש מען האט שוין געדאווענט מעריב, איז מען נאך אלץ מחויב מן התורה צו מאכן קידוש אויף וויין אזוי ווי ס'איז די תקנת חכמים, דעריבער קענען די מענער מוציא זיין די פרויען מיט קידוש, כאטש די פרויען האבן נאכנישט געדאווענט מעריב.

**תמכין דאורייתא מבני יששכר אות ג', עי' פרמ"ג פתיחה**